אין דער נאַטור, האָבן זיי אנגענומען פאַר אַ נאָט און האָבן צו אים געדינט. דאס ערשטע געוועטשליך איז געווען די זון, דערנאָך איז געקומען "אין דער רייע, גרויסע בוימער, גרויסע שטיינער, הויכע בערג, גרויסע און שטאַרקע חיות און בהמות.

שפּעטער, נאָר אויך פיל יאָרן פאַר דער קריסטליכער ערע, האָט אהין איבערגעוואנדערט אַ פאָלק פון אזיען, אַ פאָלק פון ווייסע מענשען און פון דער סעמיטישער ראַסע.

(נאָך קומט).

הארכיון היהודי

יעקב רבינזון.

II.

די אידן און די אלגעמיינע בילדונגס אנשטאלטען *).

אידן וועלכע באזוכען די אלגעמיינע שולען, איז כלל נישט קיין נייע דער־שיינונג, נאך אין מיטעלאלטער האבן אידן* געלערנט פארשידענע וויסענשאפטע׳ (דער הויפּט, מאטעמאטיק און מעדיצין) אין די אוניווערזיטעטן פון איטאליע, דאנעמארק און האלאנד.

אידן האבן אריינגערונגען אין די שולען אין א פארקערטען סדר, דער אוניוואַרסיטעט איז געווען פאַר׳ן גימנאזיום, און דער גימנאזיום פאר דער פאלקס שולע, די נעגנערשאפט פון אונזערע מאסן צו די שולען איז געוועזן שטארקער אין די באציהונג צו די נידריגע שולע אלס צו די הויכע.

אין אלע לענדער באזוכען אידן די שולען (דער הויפט די מיטלע און די הויכע) מערער אלס אנדערע פעלקער, אין רוסלאנד וואו די אידישע באפעלקערונג איז 4 איז אין יאר 1910 געווען די צאל אידישע קינדער וועלכע האבן באזוכט די שטעטישע שולען 7,3 פראצ. פון דער אלגעמיינער צאל, אין די פאלקס־שולען האט זייער באטעליגונג דערגרייכט נאר ביז 1,2 פראצ., אין די מיטעל שולען וואס מיט דער ערלויבעניש פון בילדונגס מיניסטער (וואס אויף זיי איז געלעגען די ,נאָרמע״ גזירה) זיינען געווען אידן; אין די גימנאזיעס פאר יונגלעך 10 פראצ. פאר מיידלעך 13 פראצ., אין די רעאל שולען 8 פראצ. און אין די טעכנישע שולען $5^{1}/_{2}$ פראצ. סך הכל האבן געלערנט אין די אלגעמיינע שולען אנ׳עיך פון 50 טויזענט אידישע תלמידים וועלכע זיינען געווען $11^{1}|_{2}$ פראצ. פון דער אלגעמיינער צאל תלמידים, דערצו מוז מען צו רעכנען די טויזענטער עקסטערנאטען דאנען האט דערגרייכט די צאל אידן אין די מיטעל שולען מיט דער ערלויבעניש פון מיניסטער פאר אינדוסט־יע און קאמערץ (וואו מען האט נישט אזוי מדקדק געווען אין פראצענטן) ביז 32 פראצ., אין די הויך שולען אין רוסלאנד איז געווען מעהר

*) המשך פון פאריגן נומער.

אידישע וויסענשאפט-36 a 27/10/1927 הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 1 מתוך 3

פון 7000 אידישע סטודענטען וועלכע האבן אויסגעמאכט 11 פראצ. פון דער אלגעמיינער צאל, א חוץ דעם האבן נאך א סך רוסישע אידן געלערנט אין אויסלאנד (דייטשלאנד, שווייץ, פראנקרייך און בעלגיען).

אין דייטשלאנד אליין איז געווען פאר דער מלחמה אנ'ערך פון 3000 אי־דישע סטודענטען, און אזוי ציינט זיך ארויס אז אין רוסלאנד איז געווען די צאל אידן אין די פאלקס־שולן (מיט די שטעטישע) 2 מאל לויט די צאל פון זייער באפעלקערונג, און אין די מיטעל און הויך שולען דריי מאל, איצט נאך דעם, וואס מען האט אפגעשאפט די באגרענעצונגען איז זייער צאל פיל גרעסער.

דאס זעלבע אין אנדערע לענדער, אין גאליציע איז געווען די צאל אידי־שע תלמידים אין די רעגירונגס גימנאזיעס 23 פראצ. פונם אלגעמיינעם מספר, או עס איז כדאי צו באמערקען אז זייער צאל ווערט פון יאר צו יאר אלץ גרעסער פון 3870 תלמידים אין יאר 1900 ביז 7897 אין יאר 1910.

אין גאנץ עסטרייך (די אידישע באפעלקערונג איז 4) האט אין יאר 1910 דערגרייכט די צאל פון אידישע תלמידים אין די גימנאזיעס 16 פראצ. פונם אל־געמיינעם מספר, אין די רעאל שולען ביז 11 פראצ. און אין די גימנאזיעס פאר מיידלעך 33 פראצ., אין די 8 אוניווערסיטעטען אין דיזן לאנד, איז געווען 27000 סטודענטען, צווישן זיי 4800 אידען וואס מאכן 18 פראצ. פון די אל־געמיינע צאל.

אין פרוסיא וואו די אידישע באפעלקערונג מאכט אויס אנ'ערך פון 1,5 איז געווען די צאל אידישע תלמידים אין די מיטעל שולען 5 פראצ.

אין רומעניען איז אין יאר 1909 געווען געענדיגטע אידישע תלמידים פון די פאלקס שולען 15 פראצ. לויט זייער באפעלקערונג, און רומענער 8 פראצ., געענדיגטע פון די מיטל־שולען — אידן 5 פראצ., רומענער 2 פראצ.

אין אונגארן (די אידישע באפעלקערונג איז 8) איז די צאל אידישע קינדער אין די מיטעל שולען פון 20 ביז 37 פראצ., אין די אוניווערסיטעטען איז די צאל אידן 23 פראצ.

אין ניו־יארק איז געווען די צאל אידישע תלמידים* אין די פאלקס־שולען 33 פראצ. (זייער באפעלקערונג איז 25 פראצ.) אין די מיטעל שולען איז געווען 40 טויזענט אידישע תלמידים. אין גאנץ אמעריקא איז געווען די צאל אידישע סטודענטען אין די הויך שולען אנ'ערך פון 15 טויזענט, וואס מאכט אויס 10 פר. פון דער אלגעמיינער צאל סטודענטען.

אויך אין די מזרח לענדער געפונען מיר אזא מין באציהונג, אין אלזשעריע (די אידישע באפעלקערונג איז דארט 1,2) איז די צאל אידישע קינדער וואס באזוכען די אלגעמיינע שולען 10 פראצ. פון דער אלגעמיינער צאל, און אין עגיפטען $6\frac{1}{2}$ פראצ., אין פוילן האט אין יאר 1922 דערגרייכט די צאל אידישע סטודענטען ביז 22 פראצ.

די סבות פון די גרויסע באטייליגונג פון אידן אין די מיטעל און הויך־שולען זיינען צוויי. דאס ערשטע, זיינען די אידן שטעטיש, און דאס רוב פון די וואס לערנען אין די גימנאזיעס און אין די אוניווערסיטעטען זיינען שטעטישע קינדער

(דאס איז די אלגעמיינע אורזאכע) צווייטענס איז די שטרעבונג ארייפצושטייגען אויפן געזעלשאפטליכן לייטער דורך בילדונג און דיפלאמען א אייגנארטיגע סבה בא אונז אויך די טראדיציע צום לערנען און די שעצונג פון חכמה האבן פיל צוגע־האלפען צום פארשפרייטען די בילדונג, און צו ענדע מוזן מיר דערמאנען די גרוי־סע בילדונגס געזעלשאפטען, די חברי „מפיצי השכלה" אין רוסלאנד, „עזרה" אין דייטשלאנד און די חברה „כל ישראל חברים" וואס זייער ארבעט איז געווען אין מזרח. (אין די שולען פון כי"ח האבן געלערנט פאר דער מלחמה דרייסיג טויזענט תלמידים). (ידיעת עמנו)

הארכיון היהודי

ש. ערנסט, תל־אביב.

רבי שמחה בונם פרשיסכער.

צו זיין 100־יאריגען יאר־צייט.*

ארכיון אסופות (ספעציעל פאר די אידישע וויסענשאפט).

רבי שמחה בונם פרשיסכער אדער ווי מ'רופט אים צווישן די חסידים, רבי שמחה בונמל, איז אהן שום ספק געווען איינער פון די וואונדערבארסטע געשטאל־טען אין דער חסידישער וועלט. ער איז געוועהן אנ'אויסנאם צווישן די פוילישע צדיקים און א פענאמען אין דער חסידישער געשיכטע. לויט דעם אלעס וואס מיר ווייסען פון זיין לעבען, זיין שטיינער פיהלען און דענקען, זעהן מיר קלאר, אז מיר האבן צו טהון מיט א געניאלע נאטור, א זוכער פין נייע וועגען אין דער וועלט פון גלויבען און חסידות.

רבי שמחה בונם איז געבוירן אין יאר תקכ"ז אינם קליינעם שטעטעלע וואידיסלאוו, פוילען. זיין פאטער דער שטאט־מגיד, ר' הערשעלע דער מחבר פון ספר „עשה למאה", איז געווען א תלמיד חכם און א פרומער איד און האט אים דערצויגען אין גייסט פון יראת שמים און ליעבע צו דער תורה. קינדוייס שוין האט רבי שמחה בונם גע'שס'ט פאר אן עלוי, און אז ער איז אלט געווען פופצעהן יאהר האט זיך אין זיין שטעטעל נישט געפונען קיינער, וואס זאל מיט אים קא־נען ווייטער לערנען און ער האט געמוזט אוועקפא־ען למרחקים, אזש אין אונגארן אין א ישיבה, וואו ער האט עטליכע יאהר געלערנט מיט גרויס התמדה. א פנים, אז אין די עטליכע יאהר וואס ער האט געלערנט אין דער ישיבה האט ער אויך בשתיקה זיך פארפאלקאמט אין וועלטליכע למודים, איהם איז, ווייסט אויס, ניט געפעלען געווען אויסצונוצען די תורה צו זיינע פערזענליכע צוועקען, ער האט דאריבער באשלאסען צו מאכען פאר זיך א פרנסה־קוואל זיינע וועלטליכע למודים, ניט זיין תורה. ער האט דעריבער ניט אנגענומען די שטעל פון א רב, וואס מען האט אים פארגעלעגט פון דער מאצערסדארפער קהלה, נאר ער האט זיך גענומען מיט גרויס מיה צוגרייטען צו די רעגירונגס־עקזאמען, כדי צו ווערען א אפטייקער. די עקזאמען האט רבי בונם דורכגעמאכט מיט אויסצייכנונג, די פראפעסארען האבן זיך שטארק געוואונדערט איבער זיין גרינגליך וויסען אין די אלע עקזאמען, ניט